בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## אֵייבֶּעְרְשְׁטֶער הִיט מִיךְ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 11

פְלוּצְלוּנְג... אַ בֶער... עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל, עֶס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע בֶער... דִי בֶער הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף אִין דִי לוּפְט... דִי מֵיידְל שְׁטֵייט צְוֵויי פִּיס אָפְּגֶערוּקְט פוּן דִי בֶער, זִי פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, זִי גֶעדֶענְקְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, זִי גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט.

זִי לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אַ בַּעַל חַי, וַוייל דָאס מַאכְט דִי בַּעַל חַי זָאל זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן און אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לוֹיפְן. זִי גֶעדֶענְקְט פוּן רֶבִּי'ן, זִי גֶעדֶענְקְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זִי הוֹיבְּט אָן בֶּעטְן הוֹיךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּנֶעם בֶער", זִי הוֹיבְּט אָן צוּרִיק גֵיין שְׁטַייטְלֶעךְ און זִי בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר – אַלֶעס בִּיסְטוּ"; דִי בֶער הֶערְט וִוי זִי רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי בֶער הָאט דֶערְךְ אֶרֶץ פַאר אִיר, עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר לָאזְט אִיר צוּרִיק גֵיין.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט מֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין 'קול ברסלב'

טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ

אוֹי וֵויי עֶס אִיז אַ בֶּער... אוֹי וֵויי וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ אַ נֵס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ..."

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁפַּאצִירְן אִין וַואלְד, מִיר זֶעעֶן אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ אוּן מִיר מֵיינֶען דָאס אִיז אַ שְׁוַוארְצֶע זֶעקְל, אוּן פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּט זִיךְ אַ

גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע בֶּער אַ צִי אוֹיס, וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן?

הֶערְט אַן אֱמֶתְ'עֶ גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֵיידְל. זִי אִיז גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ בֵּית פֵיגָא, זִי שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זִי גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אוּן זִי טוּט זִיךְ אָן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵייט זִי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



זִי זֶעט אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ, זִי טְרַאכְט 'דָאס אִיז מִן הַסְתַּם אַ שְׁוַוארְצֶע מִיסְט זֶעקְל', זִי שְׁפַּאצִירְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, זִי שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ", זִי בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן".